יא. משנכנס אדר מרבין בשמחה.

אין דער משנה[29] שטייט, משנכנס אב ממעטין בשמחה, נאר די גמרא[30] זאגט אויף דעם, כשם שמשנכנס אב ממעטין בשמחה, כך משנכנס אדר מרבין בשמחה.

זעט מען אין דעם צוויי ענינים הפכיים:

א) פון דעם לשון כשם איז משמע, אז דער עיקר איז דער משנכנס אב ממעטין בשמחה, דאס שטייט בפירוש אין דער משנה, מה שאין כן דער משנכנס אדר מרבין בשמחה, איז דאס ניט מער ווי כשם, וואס מען לערנט עס אפ פון משנכנס אב.

ב) לאידך גיסא זעען מיר אז בהנוגע לפועל איז דער משנכנס אב ממעטין בשמחה באגרענעצט. ניט אין אלץ איז מען ממעט. עס זיינען פאראן עניני שמחה אויך אין אב[31]. אבער דאס וואס משנכנס אדר מרבין בשמחה איז דאס אן קיינע הגבלות ביז עד דלא ידע.

אין פלוג איז דאס ניט פארשטאנ־דיק, וויבאלד אז דער גאנצער ענין פון משנכנס אדר מרבין קומט ארויס פון דעם משנכנס אב ממעטין, ווי דער לשון הגמרא איז, כשם, הייגט פארוואס איז דער משנכנס אדר מרבין בשמחה מערער ווי דער משנכנס אב ממעטין וכו'.

יב. די פשוט'ע דערקלערונג אין דעם: ווייל שמחה דארף זיין אלע מאל, אפילו בחודש אב. עס איז דאך אלע מאל דא דער ציווי פון עבדו את הוי' בשמחה. דערפאר אז עס קומט נאך צו מרבין בשמחה איז דאס אן א גרענעץ. דער ממעטין איז באגרענעצט, ווייל אויך דעמאלט דארפן זיין געוויסע עניני שמחה, ובפרט מצד דעם ציווי פון עבדו את הוי' בשמחה.

די פנימיות פון דעם ענין איז, ווי מען האט גערעדט אין מאמר[32], אז דער תכלית הכוונה איז אויס־צופירן דעם נתאוה הקדוש ברוך הוא להיות לו יתברך דירה בתחתונים, אז דער אויבערשטער זאל האבן א דירה דא למטה. און ווי דער מענטש וואס וואוינט אין א דירה, געפינט ער זיך אין דער דירה מיט זיין גאנצן וועזן, אזוי איז אויך דער פירוש פון דירה בתחתונים, אז דער אויבערשטער זאל זיין למטה בכל עצמותו ומהותו יתברך.

עס שטייט דאך עוז וחדוה במקומו, דארטן וואו דער אויבערשטער גע־פינט זיך איז שמחה. במילא בכדי עס זאל זיין דירה בתחתונים, מוז מען האבן עוז וחדוה, וואס דעמאלט קען עס זיין מקומו ודירתו יתברך[33].

דערמיט איז פארשטאנדיק וואס מען דארף זיין שטענדיק בשמחה. אפילו אין די צייטן וואס עס שטייט אויף זיי ממעטין, דארף מען אויך דעמאלט זיין בשמחה, אין א געוויי־סער מאס, וויבאלד אז די דירה לו

29) תענית כו, ב.

30) שם כט, סע"א.

31) ראה שולחן ערוך אורח חיים סימן תקנ"א ס"ב. ב"ח לטור ריש סימן תקנ"א: **אבל באכילת בשר כו'. וצריך עיון במגן אברהם שם סק"א.**

32) ד"ה כי תשא, תשט"ז.

33) עיין חגיגה ה, ב, דיש גורסין ובבתי גואי ליכא — הובא בעבודת הקודש ח"ג פנ"ז — וגם לגירסתנו מבואר ברשימות הצמח צדק לאיכה עמוד כב־כג (אוה"ת נ"ך ח"ב ע' א'נב־ג). ואכ"מ.

יתברך מוז מען מאַכן שטענדיק, בכל רגע ורגע, וואָרום דאָס איז דאָך כל האדם, אני (לא) נבראתי (אלא) לשמש את קוני [34], במילא ליגט דער חיוב צו זיין שטענדיק, יעדע רגע, בשמחה.

יג. דאָס וואָס אַמאָל דאַרף זיין דער סדר עבודה אין צווייטן קו, אין פאַרקערטן קו פון שמחה — וועט מען דאָס אויך פאַרשטיין לויט ווי עס ווערט דערקלערט אין דעם מאמר, דער סדר ווי מען מאַכט אַ דירה לו יתברך, על דרך משל ווי מען מאַכט אַ דירה פאַר אַ מלך בשר ודם. די ערשטע זאַך מוז מען דעם אָרט אויס־רייניקן פון יעדן שמוץ כו׳ און דער־נאָך באַפּוצט מען דאָס מיט שיינע כלים בכדי עס זאָל זיין ראוי לדירת המלך.

אַזוי איז דאָס אויך אין עבודה רוחנית. מען מוז פריער אַרויסנעמען דעם שמוץ וכו׳, וואָס דאָס טוט זיך אויף דורך דעם קו המרירות. און דאָס איז די עבודה פון חודש אב, ממעטין בשמחה, בכדי אַרויסצונעמען די ענינים פון ומפני חטאינו גלינו מארצנו. דאָס איז אָבער מער ניט ווי אַ הכנה צו אַ דירה, די דירה אַליין מאַכט מען דורך שמחה.

יד. דאָס וואָס עס שטייט אין גמרא אויף דעם ענין פון משנכנס אדר מרבין בשמחה דער דיוק כשם, וואָס דערפון איז משמע אַז דער משנכנס אדר מרבין קומט אַרויס פון דעם משנכנס אב ממעטין, איז דאָס פאַרשטאַנדיק לויט דעם וואָס ווערט דערקלערט אין חסידות [35], אַז דער יתרון האור קומט מתוך החושך דוקא. במילא איז פאַרשטאַנדיק אַז ווער רופט אַרויס אין אדר דעם בלי גבול פון שמחה, עד דלא ידעי — דאָס קומט פון חושך דוקא, ד. ה. די עבודה פון אתכפיא סטרא אחרא דורך מרירות, דעמאָלט איז די שמחה גאָר גרויס, אָן אַ גרענעץ.

און דאָס איז דער טעם וואָס דוקא אין חודש אדר איז די שמחה אָן אַ גרענעץ, ווייל דעמאָלט איז דאָס געקומען מתוך החושך, ווי עס שטייט ורבים מעמי הארץ מתיהדים, עמי הארץ, ג׳ קליפות הטמאות, זיי אַליין זיינען מתיהדים, געוואָרן יהודים, כופרים בעבודה זרה ומודים בכל התורה [36].

און מצד דער עבודה, ווערט דער יתרון האור, אַז פורים איז דער חיוב השמחה עד דלא ידעי, און אויך דעם גאַנצן חודש אדר דאַרף זיין שמחה בריבוי, ווי ער זאָגט והחודש אשר נהפך, דער גאַנצער חודש אדר.

(משיחות שבת מברכים אדר, תשט״ז)

# פרשת פקודי

א. אין תורה בכלל, און אין תורה שבכתב בפרט, איז יעדער וואָרט און אפילו יעדער אות בדיוק און אויס־גערעכנט. פיל הלכות ווערן אָפּגע־לערנט פון איינצלנע ווערטער אָדער אפילו פון איינצלנע אותיות פון תורה.

פונדעסטוועגן ווערט אין די פרשיות

34) קדושין פב, א.

35) תניא פכ״ו. באתי לגני תש״י פ״א.

36) נדרים כה, א.